בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ק"נ**

**יו"ל: א' ניסן ה'תשפ"ה לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


סגולה להינצל מגדלות

אונזער מוטער

טבע הקטנות שיתבטל לגבי גדלות

רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ

עיקר כח קדושת יום טוב תלוי בצדיקים

חייב אדם להקביל פני רבו ברגל

לא ניתנו מועדים אלא לעסוק בהן בתורה

ובמורא גדול - זו גילוי שכינה

נעמען דעם יום טוב אליין!

טבע האכילה שנתהפך לניזון

ליב האבן דעם צדיק

גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה

אים צעשניטן אויף פיר שטיקער



הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
**(ארה״ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:
**בקו ׳מערכת ברסלב׳**
**ארה״ק:** 02.560.7387
**ארה״ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
**לשמיעת השיעור**
**המצו״ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח״כ #150**

בס"ד

שיחת חיזוק

# חודש ניסן

שנת תשל"ז

(טייפ מס' 229#)

## סגולה להינצל מגדלות

(שיעור בליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה)

**כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט** (תהלים עה, ג).

**סְגֻלָּה לְהִנָּצֵל מִגַּדְלוּת, לְכַבֵּד אֶת הַיָּמִים טוֹבִים, וּלְקַבֵּל יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה וּבְהַרְחָבַת הַלֵּב כְּפִי יְכָלְתּוֹ.**

זאגט דער רבי א סגולה ניצול צו ווערן פון גדלות.

ווייזט אויס, דער ענין פון גדלות איז אזא מין זאך אויף וואס מען דארף האבן סגולות. גַדלות איז אזא מין סארט זאך אז מען דארף דערצו האבן ממש אזוי ווי א סגולה - העכער ווי דעם שכל. אוודאי (דארף מען) מרבה זיין אסאך בתפילה; אבער דער רבי זאגט א סגולה - מען זאל מכבד זיין די ימים טובים, מקבל זיין דעם יום־טוב 'בשמחה ובהרחבת הלב כפי יכלתו'.

וואספארא שייכות האט דער יום־טוב צו גַדלות? זאגט דער רבי אזוי: "כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עַל יְדֵי שֶׁזָּכָה למ"ט שַׁעֲרֵי בִּינָה", האט ער זוכה געווען צו זיין אַן "עָנָו מְאֹד מִכָּל הָאָדָם" (במדבר יב, ג).

ווייל ער האט זוכה געווען צו די מ"ט שערי בינה, צו אזא מין סארט הויכער מח, האט ער באקומען, דערפאר האט ער זוכה געווען צו זיין אַן עניו.

וואס דער מענטש האט מערער די שערי בינה, איז ער דאך אלץ נענטער צום אויבערשטן, דערקענט ער דאך מער דעם אויבערשטן, ער איז מער משיג דעם אויבערשטן, איז ער מער עניו ביי זיך, ער ווייסט אלץ זיין קלייניקייט מערער[א].

פארוואס איז דער מענטש א גדלן? ווייל ער איז ווייט פונעם אויבערשטן, ער זעהט נישט דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, איז ער ביי זיך (בגדלות).

דער מענטש וואס האט א שטיקעלע בינה אין זיך, ווער שמועסט - מ"ט שערי בינה, דאס הייסט, ער האט אזא מין הכרה אין דעם אויבערשטן, איז ער טאקע אַן 'עניו מאד', ער זעהט אזא מין גרויסקייט[ב].

## אונזער מוטער

וְיוֹם טוֹב מֹחִין דְּאִמָּא, שֶׁהִיא בִּינָה.

זאגט דער רבי, יום־טוב איז 'מוחין דאימא'.

דער רבי זאגט אין תורה ל' (אות ה'): "אלה מועדי ה'" (ויקרא כג, ב) איז ראשי־תיבות אמ"י; דא ברענגט עס נישט דער רבי. די ימים טובים דאס איז אונזער מוטער, יום־טוב איז דאך 'מוחין דאימא', אימא איז 'בינה'. אז מען איז מקבל דעם יום־טוב, איז מען מקבל עפעס אזא מין בינה, א הויכע השגה אין דעם אויבערשטן.

וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקַבֵּל אֶת הַיּוֹם טוֹב, שֶׁהִיא בִּינָה, זוֹכֶה לַעֲנָוָה. כִּי יוֹם טוֹב בְּגִימַטְרִיָּא ס"ג עִם הַיּוּ"ד אוֹתִיּוֹת כַּמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת, שֶׁהוּא הֶפֶךְ גַּ"ס רוּחַ (עיין תיקונים מן זו"ח).

---

[א] עיין נועם אלימלך פר' בהעלותך: **דרך הצדיק בכל מה שמוסיף והולך בקדושה הוא מבין יותר בחינת אלהות ודומה לו שלא התחיל עדיין בעבודת הבורא**; גם עיין עבודת ישראל על פרקי אבות פ"ו: **מי שלא ידע רוממות הבורא אינו יודע האיך ליכנע לפניו.** כמו משה רבינו ע"ה שהוא היה מכיר ביותר רוממות הבורא יתברך מה שלא השיגוה אדם מעולם, גלל כן כתיב (במדבר יב, ג) **והאיש משה ענו מאד** וכו'; גם עיין באריכות זה הענין בספר סידורו של שבת ח"א - שורש השמיני, ענף ב'.

[ב] עיין חיי מוהר"ן אות רס"ט.

ווארום יום־טוב באטרעפט ס"ג מיט די יו"ד אותיות. יום־טוב באטרעפט ע"ג. נאר אין דעם שם ס"ג, אין דעם שם יקו"ק, איז דארטן דא צען אותיות; איז דער שם ס"ג מיט די צען אותיות באטרעפט יום־טוב, וואס צוזאמען איז עס ע"ג, כמובא בכוונות.

ס"ג - דאס איז דער היפך פון ג"ס רוח. די אייגענע ווערטער ס"ג איז דער היפך פון ג"ס רוח.

זעהט מען אלץ ארויס ווי אזוי די צירופי אותיות - - דא איז א סמ"ך מיט א גימ"ל; און ג"ס איז אויך א סמ"ך גימ"ל; נאר 'דאס' איז ג"ס און 'דאס' איז ס"ג. יום־טוב איז דער שם ס"ג, דאס איז דער היפך פון ג"ס רוח. דער מענטש אליין מאכט די צירופי אותיות, עס קומט נישט צו מער אדער ווינציגער, נאר ער מאכט מיט זיינע מעשים א צירוף פון דעם שם ס"ג, און ער מאכט א צירוף פון ג"ס.[ג]

## טבע הקטנות שיתבטל לגבי גדלות

**כִּי יוֹם טוֹב מְבַטֵּל הַגַּדְלוּת, כִּי טֶבַע הַקְּטַנּוּת שֶׁיִּתְבַּטֵּל לְגַבֵּי הַגַּדְלוּת. וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקָרֵב לְהַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל הַגַּדְלוּת, כִּי עַל יְדֵי אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי.**

"יום־טוב איז מבטל דאס גדלות, כי טבע הקטנות שיתבטל לגבי גדלות" - קטנות ווערט בטל פאר גדלות. דער מענטש אז ער ווייסט ביי זיך ווער ער איז, ער קען זיך, ווערט ער בטל פארן גרעסערן. "דערפאר, אז ער איז מקורב צום צדיק, ווערט בטל די גדלות, כי על ידי אור הגדול של הצדיק נתבטל לגמרי" - ער ווערט אינגאנצן בטל.

א מענטש אז ער איז מקורב צום צדיק און ער האט גדלות, איז ער גארנישט (מקורב), ער זעהט גארנישט ארויס דעם צדיק'ס גרויסקייט, ער פילט גארנישט אינגאנצן דאס גרויסקייט פון דעם צדיק; אז יא - ווי קען ער האבן ביי זיך גדלות אז ער זעהט אזא מין

[ג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ד' אות ה', ובסי' ל"ו אות ו' שכל הצירופים לברכה או להיפך נעשה ע"י האדם בעצמו.

גרויסן אור פון דעם צדיק? נאר אז ער זעהט נישט און ער פילט נישט, קען ער האבן גדלות.

## רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ

וְהוּא בְּחִינַת (איוב כט, ח): "רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ"

- דאס האט געזאגט איוב - 'די נערים האבן זיך פארבאהאלטן פאר מיר'. זעהט מען, די קלענערע מענטשן אז זיי זעהען א גרעסערער מענטש, פארבאהאלטן זיי זיך, זיי האבן בושה; נאר ווען? אז זיי זעהען; אבער אז מען זעהט נישט, פארבאהאלטן מען זיך נישט.

הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁרוֹאִים פְּנֵי הַצַּדִּיק נֶחְבָּאִים הַקְּטַנִּים

- אז מען זעהט דעם 'פני הצדיק' ווערן די קטנים פארבאהאלטן.

כִּי הַקַּטְנוּת נִתְבַּטֵּל לִפְנֵי גַּדְלוּת.

## עיקר כח קדושת יום טוב תלוי בצדיקים

זאגט דער רבי:

וְעִקַּר כֹּחַ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הוּא תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים.

ברוך השם, עס גייט דאך יעצט א יום־טוב - מען זאל צוגרייטן.

רבי נתן האט געזאגט[ד]: "אויף יום־טוב וועט זיין, ווי נעמט מען דעם יום־טוב **אליין?!**".

ברוך השם, מען וועט צוגרייטן אלעס, דער אויבערשטער זאל העלפן - א כשר'ן יום־טוב - אויך א גרויסע זאך; אבער דער יום־טוב אליין! דאס איז דאך עפעס מוחין! אזעלכע הייליגע מוחין! 'מוחין דאימא'! דאס איז 'בינה'!

[ד] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות קפ"ו.

דער עיקר איז תלוי אין די צדיקים, זיי זענען מקַדש דעם מועד.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (ויקרא כג)**: "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אוֹתָם בְּמוֹעֲדָם", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (ראש השנה כד)**: 'אַל תִּקְרֵי אֹתָם אֶלָּא אַתֶּם'.**

עס שטייט אֹתָם אָן קיין וא"ו - "אַתֶּם" - זיי מאכן דעם יום־טוב; ווען זיי זענען קובע דעם יום־טוב דעמאלט איז יום־טוב.

**נִמְצָא שֶׁהַיָּמִים טוֹבִים תְּלוּיִים בַּצַּדִּיקִים.**

- די ימים טובים איז תלוי אין די צדיקים.

דארטן גייט דאס ארויף, פשוט אז זיי מאכן דעם זמן ווען עס זאל זיין יום־טוב, ווערט דאך דער טאג הייליג. אבער דאס פילן טאקע דעם קדושת היום־טוב דאס איז אויך תלוי אין די צדיקים.

**וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקַבֵּל וּמְכַבֵּד אֶת הַיָּמִים טוֹבִים, וּמְקַבֵּל אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁל יוֹם טוֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת צַדִּיק כַּנַּ"ל, נִתְבַּטֵּל הַגַּדְלוּת שֶׁלּוֹ, כִּי הַקַּטְנוּת בָּטֵל לְגַבֵּי גַּדְלוּת.**

אז דער מענטש האט אין זיך גדלות, ער פילט גארנישט אינגאנצן זיין קליינקייט, פילט ער נישט יענעמ'ס גרויסקייט; אז יא, ווי קען ער האבן גדלות? ער ווערט דאך אנגערופן אויפן צדיק'ס נאמען, דער צדיק איז אזוי גרויס, אזא ליכטיגקייט, ער שיינט אין אלע וועלטן, און אין דער וועלט אוודאי, ווי קען ער האבן גדלות? נאר ער פילט נישט, ער זעהט גארנישט דעם צדיק, ער פילט נישט דעם צדיק, ער איז נישט מרגיש זיין קדושה[ה].

---

[ה] עפ"י הלשון בליקוטי מוהר"ן סי' י"ז אות ב': כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁךְ אֵצֶל אֶחָד אוֹר הַצַּדִּיק, וְאֵינוֹ זוֹכֶה לְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל; **וְאַף שֶׁהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק**, אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעֹם וּלְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק, שֶׁעַל יָדוֹ יוּכַל לָבוֹא לְתַכְלִית הַטּוֹב ... וּכְמוֹ כֵן כְּשֶׁנֶּחֱשָׁךְ אוֹר הַצַּדִּיק, **שֶׁהוּא מֵאִיר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, מִכָּל שֶׁכֵּן בָּעוֹלָם הַזֶּה**, וְאַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ אֵינוֹ מֵאִיר כְּלָל, אַדְּרַבָּא הוּא חֹשֶׁךְ אֶצְלוֹ.

# חייב אדם להקביל פני רבו ברגל

**וְעַל כֵּן 'חַיָּב אָדָם לְהַקְבִּיל פְּנֵי רַבּוֹ בָּרֶגֶל'**

- דער מענטש איז מחוייב צו מקבל זיין דעם רבי'נס פנים, זעהן דעם רבי'ן אום יום טוב.

**כִּי עִקַּר כֹּחַ יוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים.**

קומט דאך אויס פון דאנעט, מען מוז אנקוקן דעם רבי'ן אין יום־טוב.

דער רבי ברענגט דא א גמרא:

**וּבָזֶה מְיֻשָּׁב שַׁפִּיר מַה שֶּׁהִקְשׁוּ בַּגְּמָרָא** (סוכה דף כז:)**: עַל רַבִּי אֱלְעָזָר שֶׁאָמַר מְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הָעַצְלָנִים בָּרֶגֶל.**

זיצט אין שטוב פרייליך - מאכט פרייליך די בני בית.

**שֶׁנֶּאֱמַר: "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ". וְהָאָמַר רַבִּי יִצְחָק חַיָּב אָדָם לְהַקְבִּיל פְּנֵי רַבּוֹ בָּרֶגֶל?**

- מען מוז אנקוקן דעם רבי'ן ברגל; און דער רבי וואוינט דאך ווייט, דער רבי קען וואוינען ווייט הונדערט מייל פון אים, איז ווי קענען זיין דיביידע גמרות?

**שֶׁנֶּאֱמַר** (מלכים-ב ד)**: "מַדּוּעַ אַתְּ הוֹלֶכֶת" וְכוּ' עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב.**

- דארטן ביי אלישע - לא חודש לא שבת. איז דאך א ראיה אז צו א רבי'ן דארף מען גיין, חודש, יום־טוב, שבת.

זאגט דער רבי אזוי:

**כִּי אַף שֶׁהוּא בִּרְחוּק מֵאָה פַּרְסָה מֵרַבּוֹ בְּיוֹם טוֹב.**

א פרסה איז פיר קילאמעטער, דאס הייסט - פיר הונדערט קילאמעטער, אזוי ווייט איז ער פון רבי'ן.

**וְלָא אָזֵל וְאָתֵי כְּיוֹמֵהּ, עִם כָּל זֶה הוּא מְחֻיָּב לְהַקְבִּיל פְּנֵי רַבּוֹ בָּרֶגֶל, הַיְנוּ שֶׁיַּכִּיר פְּנֵי רַבּוֹ בָּרֶגֶל, הַיְנוּ שֶׁיְּכַבֵּד אֶת הַיּוֹם טוֹב, וִיקַבֵּל אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁל יוֹם טוֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת פְּנֵי רַבּוֹ וְכוּ'.**

**אז מען איז מקבל דעם 'אור הגדול של יום־טוב', אט דאס הייסט 'פני רבו ברגל'.**

**כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת הַיּוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁמְּקַבֵּל אֶת הַיּוֹם טוֹב הוּא מְקַבֵּל פְּנֵי רַבּוֹ מַמָּשׁ, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל הַגַּדְלוּת, כִּי טֶבַע הַקַּטְנוּת שֶׁיִּתְבַּטֵּל לְגַבֵּי גַּדְלוּת כַּנַּ"ל.**

## לא ניתנו מועדים אלא לעסוק בהן בתורה

עס איז נאך א זאך דא; אזוי א גאנץ יאר, א מענטש איז פארנומען, ער האט נישט קיין צייט, אבער אז עס קומט טאקע יום־טוב דארף ער מער ליגן אין דעם צדיק'ס דיבורים, מער טוהען זיינע זאכענישן, ווייל יום־טוב האט ער דאך מער צייט, דער 'אור הגדול של יום־טוב' דאס איז דער 'אור הצדיק'. יום־טוב זאל ער טאקע מער ליגן אין דער זאך[ו].

"אלה מועדי ה'" - זאגט דער רבי[ז] - איז ראשי תיבות אמ"י, דאס איז די מוטער פון אידן. 'בינה ליבא' - דאס איז דאס הארץ. די דריי ימים טובים דאס איז די הארץ. ראש השנה דאס איז דער מח; חנוכה ופורים זענען די רַגלין; די האַרץ דאס איז די דריי ימים טובים - 'אימא' איז דאך 'ליבא'.

טאקע דער עיקר שמחה איז דאך בלב - זאגט דער רבי, דאס איז 'זמן שמחתינו', ווייל דער עיקר שמחה איז דאך בלב, און דאס הארץ פון אידן איז די דריי ימים טובים.

---

[ו] עיין ירושלמי שבת פט"ו ה"ג: לֹא נִתְּנוּ שַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים אֶלָּא לַעֲסֹק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה. ובתנחומא מפרש: אֵלּוּ הַפּוֹעֲלִים שֶׁהֵן עֲסוּקִין בִּמְלָאכָה כָּל יְמוֹת הַשָּׁבוּעַ וּבְשַׁבָּת הֵן מִתְאַסְּפִין לַעֲסֹק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה.

[ז] ליקוטי מוהר"ן סי' ל' אות ה' הנ"ל, וזל"ש: וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה הוּא בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ד'): "נָתַתָּ שִׂמְחָה בְלִבִּי". וְהַלֵּב שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה הֵם הַשָּׁלֹשׁ רְגָלִים, בְּחִינוֹת (וַיִּקְרָא כ"ג): "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה'" רָאשֵׁי תֵּבוֹת אִמִּ"י כַּמּוּבָא. שֶׁהִיא אֵם לַבִּינָה. וּבִינָא לִבָּא. וְהַשִּׂמְחָה שֶׁל כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין בְּכָל הַשָּׁנָה, הוּא מִתְקַבֵּץ אֶל הַלֵּב, שֶׁהֵם הַשָּׁלֹשׁ רְגָלִים. וְעַל כֵּן הֵם יְמֵי שִׂמְחָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ט"ז): "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ". וְאָז מֵאִיר הַפָּנִים עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה, בִּבְחִינוֹת: "לֵב שָׂמֵחַ יֵיטִב פָּנִים".

אז מען איז מכבד דעם יום־טוב איז מען מקבל דעם אור הצדיק, ממילא - אוודאי, פארשטייט מען שוין אליין וואס רבי נתן האט געזאגט - 'ווי נעמט מען דעם יום־טוב אליין?!'

'אויף יום־טוב וועט זיין; ווי נעמט מען דעם יום־טוב אליין?!'.

אוודאי יום־טוב איז דאך א מצוה צו גרייטן זיך מיט מַצות, מיט אלע זאכן פון פסח, מאכן ריין דער שטוב, כַּשר'ן.

מען זאגט דאך א ווארט פונעם באַרדיטשוב'ען רב. מען זאגט דארטן ביי די תקיעות: "שיעלו אלו המלאכים היוצאים מקשר"ק" - זיי זאלן ביישטיין. האט ער געזאגט[ח]: "קשר"ק מאכט, ק'אַשערן ש'אבן ר'ייבן ק'ראצן...

וואס אידן טוהען אויף פסח ווערן דערפון באשאפן מלאכים!

די מלאכים וואס גייען ארויס פון קאשערן און שאבן פון דעם פסח, אט די מלאכים זאלן שטיין ביי די תקיעות און אויף אונז מגין זיין - אזוי האט דער באַרדיטשובער רב געטייטשט - ער איז געווען א גרויסער מליץ פאר אידן.

אוודאי איז דאס זייער א גרויסע זאך, אבער פונדעסטוועגן זאגט דער רבי אז דער 'אור הגדול של יום־טוב' דאס איז דער 'אור הצדיק'.

קומט אויס, יום־טוב דארף מען טאקע מער ליגן אין דעם צדיק'ס דיבורים, עס איז הייליגע טעג, מען קען טאקע מער ממשיך זיין אויף זיך די קדושה פון דעם צדיק, ווייל דער אור הגדול דאס איז דער אור הצדיק.

---

[ח] עיין עשר אורות מערכת ג' אות מ"ה: פעם אחת יצא הרה"ק (מבארדיטשוב) החוצה קודם פסח, וראה איך הנשים עומדים ומנקים את הכלים להגעלה ברוב עמל וטורח, ובחומרות יתירות וזהירות. אמר בדרך צחות: שזה כוונת ה'יהי רצון' שאומרים בתקיעת שופר: המלאכים היוצאים מקשר"ק וכו'. קשר"ק נוטריקון: ק'ראצין, ש'אבין, ר'אבין, ק'אשערן. ודפח"ח.

## ובמורא גדול - זו גילוי שכינה

איך האב געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז ער האט געהערט פון זיין טאטן, אז רבי נתן האט אמאל גענגעבן א געשריי ביי דער הגדה דעם "ובמורא גדול - זו גילוי שכינה" - איז ער געבליבן חלָשות!

"ובמורא גדול זו גילוי שכינה!"

מען האט אים געדארפט דערמונטערן...

פארוואס?

אז מען זעהט דעם אור הצדיק - "גילוי שכינה" - -

דער אויבערשטער האט אונז דעמאלט ארויסגענומען פון מצרים 'במורא גדול', 'גילוי שכינה' - עס איז נתגלה געווארן די שכינה, אידן האבן געזעהן עפעס אַן אור!

זעהען מיר דאך אלץ, אז דער מענטש איז זוכה אז ער זעהט עפעס, דערקענט זיך.

## נעמען דעם יום טוב אליין!

וְזֶה פֵּרוּשׁ: "כִּי אֶקַּח מוֹעֵד" - כְּשֶׁאֲקַבֵּל אֶת הַיָּמִים טוֹבִים

- טאקע אז איך נעם 'דעם יום־טוב אליין', איז -

"אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט", הַיְנוּ שֶׁאֶזְכֶּה לַעֲנָוָה

- וועל איך זוכה זיין צו ענוה,

שֶׁהוּא בְּחִינַת 'מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חולין פט): מַאי דִּכְתִיב: "הַאֻמְנָם אֵלֶם" וְכוּ' מַה יַּעֲשֶׂה וְכוּ', יָכוֹל אַף בְּדִבְרֵי תוֹרָה, תַּלְמוּד לוֹמַר "צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן", יָכוֹל אֲפִלּוּ אִם הֵגִיס דַּעְתּוֹ, תַּלְמוּד לוֹמַר 'מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם'.

'מישרים תשפטו' איז דער היפך פון גאוה. 'מישרים' איז א לשון פון גלייך, רעכפאָרטיג, ישרות, דאס איז דער היפך פון גאוה. גאוה איז פארקרימטקייט, גאוה איז נישט גלייך. 'ישרים' הייסן די וואס זענען גלייך.

אויב 'גאוה', איז דאס נישט 'מישרים', נאר דאס הייסט "נָטָיוּ רַגְלָי", ער גליטשט זיך אויס, ער שטייט נישט גלייך[ט].

**וְזֶה: "כִּי אֶקַּח מוֹעֵד"**

- אז מיר נעמען זיך א יום־טוב, אז מיר זענען מקבל דעם יום־טוב, דעמאלט איז מען זוכה ניצול צו ווערן פון גאוה. אט דאס איז דער -

**"אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט". עַל יְדֵי שֶׁאֲקַבֵּל אֶת הַמּוֹעֲדִים, עַל יְדֵי זֶה אֶזְכֶּה לַעֲנָוָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת 'מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט' כַּנַּ"ל.**

דער לשון איז טאקע - 'מקבל זיין דעם יום־טוב'; 'נעמען דעם יום־טוב אליין'!

אַה, אז עס קומט אזא יום־טוב, דארף מען דאך אוודאי זעהן - איך ווייס אז עס קומט אָן די מאמע, די מוטער פון אידן, אַן אור גדול קומט אָן, דער 'אור קדושת הצדיק', דער 'אור היום־טוב'.

צדיקים האבן טאקע מקיים געווען דער הכנה פון דרייסיג טעג פריער, זיי האבן זיך צוגעגרייט צו מקבל זיין דעם אור מיט אנדערע הכנות, מיט אנדערע זאכן; אז עס איז געקומען דער יום־טוב האט טאקע געשיינט דער אור - דער 'אור הבינה' האט זיי געשיינט.

על כל פנים, מיר ווייסן טאקע גארנישט נאר די זאך אז יום־טוב שיינט דער אור הגדול פונעם צדיק וואס דאס איז די מוחין פון אימא. ממילא אז מען איז מכבד דעם יום־טוב, דעם הייליגן טאג, טאקע מען עסט, אבער פארן עסן און נאכן עסן - עס איז

---

[ט] עיין ליקוטי מוה"ן סי' י' אות ו': **שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק**, הַיְנוּ בְּחִינַת רוּחַ שֶׁבַּלֵּב, נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף, **וְנִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה** וְהַכְּפִירוֹת, וְנִתְרַבֶּה הָאֱמוּנָה, וְאָז נִתְקַיֵּם (תְּהִלִּים כ"ו): "רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר", שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה. כִּי הַמִּינוּת הִיא בְּחִינַת **נָטָיוּ רַגְלָי**, כְּמַאֲמַר אָסָף (שָׁם ע"ג): **"כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי"**.

א טאג, היט אפ דעם יום־טוב, עס איז אַן ענין וואס מען איז מקבל דעם אור הצדיק; זאגט דער רבי, ווערט בטל די גדלות.

## טבע האכילה שנתהפך לניזון

> וְזֶהוּ גַּם כֵּן עִנְיַן הַמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר עַל פָּסוּק: "אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ" (לעיל סימן קכ"ט) כִּי הַקַּטְנוּת בָּטֵל לְגַבֵּי גַּדְלוּת, וְנֶאֱכָל וְנִתְהַפֵּךְ לְמַהוּת הַצַּדִּיק.

ממש אזוי ווי איינער וואס גייט אריין אין א שטוב אריין; ממש ער ווערט 'נתהפך למהות הצדיק' - אזוי ווי דער מזון ווערט נתהפך לניזון. דער ניזון איז דאך העכער ווי דעם מזון; למשל, אז דער מזון איז א חי' אדער א צומח, און דער ניזון איז א מדַבר, און דער מזון גייט אריין אין דעם ניזון, ווערט פון דעם מזון א שטיק ניזון, דער מזון ווערט נתהפך לחלק המח, לחלק הלב.

דאס איז אויך דאס אייגענע, דער אמת'ער צדיק ער איז דער ניזון, און דער מענטש איז דער מזון; אז ער גייט אריין אין דעם ניזון, ווערט ער ממש נתהפך למהות הצדיק'.

נאר וואס דען, זאגט דער רבי דארטן, דער צדיק דארף אים אבער ווען ליידן, ווייל אז מען עסט אזא מין מאכל וואס דער מאכל איז נישט קיין גוטער מאכל, טוהט ער דאס אויס'מקיא'נען.

זאגט דער רבי דארטן, אויב ער האט א רצון, ער וויל, נאר וואס דען, דער יצר הרע איז זיך אויף אים מתגבר, אבער ער וויל כאטש, איז דער צדיק אים מקבל, כאטש עס קאכט זיך מיט אים - אבער ער וויל דאך, ער בעט דעם אויבערשטן, ער טוהט, ער

---

' וזל"ש בליקו"מ: . כְּשֶׁמְּקֹרָב לְהַצַּדִּיק, אַף שֶׁאֵינוֹ מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ כְּלָל, הוּא גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד. וְהָאֱמוּנָה לְבַדָּהּ שֶׁמַּאֲמִין בְּהַצַּדִּיק, מוֹעִיל לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי **טֶבַע הָאֲכִילָה שֶׁהַמָּזוֹן נִתְהַפֵּךְ לַנִּזּוֹן**, כְּגוֹן כְּשֶׁהַחַי אוֹכֶלֶת צוֹמֵחַ כְּגוֹן עֲשָׂבִים, נִתְהַפְּכִין הָעֲשָׂבִים לְחַי, כְּשֶׁנִּכְנָסִין בְּתוֹךְ מֵעֶיהָ. וְכֵן מֵחַי לִמְדַבֵּר, כְּשֶׁהַמְדַבֵּר אוֹכֵל הַחַי, נִתְהַפֵּךְ הַחַי לַמְדַבֵּר. וּלְכָל מָקוֹם שֶׁנִּכְנָס לְשָׁם הַמָּזוֹן שֶׁנִּתְחַלֵּק לְהָאֵיבָרִים, נִתְהַפֵּךְ לְמַהוּת הָאֵיבָר מַמָּשׁ שֶׁנִּכְנָס לְשָׁם. כְּגוֹן הַחֵלֶק מֵהַמָּזוֹן הַנִּכְנָס לְהַמֹּחַ נִתְהַפֵּךְ לְמֹחַ, וְהַנִּכְנָס לַלֵּב נִתְהַפֵּךְ לְלֵב, וְכֵן לִשְׁאָר הָאֵיבָרִים.

רעדט מיט חברים - ער וויל, נאר ער האט א גרויסן יצר הרע, איז מקיא'ט ער אים נישט אוים.

אבער אויב "אין רצונו כלל" - ער וויל גארנישט, דעמאלט קען ער אים נישט סובל זיין, מקיא'ט ער אים אוים.

דער רבי זאגט דארטן: "ה' יצילנו" - דער אויבערשטער זאל אונז מציל זיין, מען זאל אונז נישט אוים'מקיא'ענען[יא].

דאס אייגענע זאגט דער רבי קעגן ארץ ישראל[יב]; ארץ ישראל זאל אונז נישט אוים'מקיא'ענען; "ארץ אוכלת" - ארץ ישראל איז אזוי ווי ביי א מאכל; מיר דארפן נתהפך ווערן למהות ארץ ישראל - דארף דאך ארץ ישראל אונז וועלן סובל זיין. אז ארץ ישראל איז מיך סובל, דעמאלט ווער איך 'נתהפך למהותו' און ער מקיא'ט נישט אוים - אזוי ווי א מאכל. אבער אז ארץ ישראל וועט מיר גארנישט סובל זיין, מקיא'ט ער אוים, קען מען זיך ארומדרייען און מען האט אים אויסגע'מקיא'ט...

**דער רבי זאגט דארט: "'אינו נאכל כלל להצדיק' כאטש ער איז 'מקורב אצלו', דער צדיק קען אים נישט סובל זיין, ער מקיא'ט אים אוים. אזוי ווי עס שטייט ביי ארץ ישראל** (ויקרא יח)**: 'כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת הַגּוֹי'. 'דהיינו שאינה יכולה לסבלו' אז ער זאל ווערן 'נאכל אצלה שיתהפך למהותה, רק היא מקיאה אותו, השם יצילנו' - דער אויבערשטער זאל אונז מציל זיין מען זאל אונז נישט אוים מקיא'נען.**

---

[יא] וזל"ש בהמשך: אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָעִקָּר תָּלוּי בְּרָצוֹן, אִם רְצוֹנוֹ חָזָק מְאֹד לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲבֹד אוֹתוֹ, רַק שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִשְׁבֹּר תַּאֲווֹת גּוּפוֹ, אָז עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת וֶאֱמוּנַת הַצַּדִּיקִים, הוּא בִּבְחִינַת אֲכִילָה, וְנֶאֱכָל לְהַצַּדִּיק, הַיְנוּ שֶׁנִּתְהַפֵּךְ לְמַהוּתוֹ כַּנַּ"ל. **אַךְ אִם אֵין רְצוֹנוֹ כְּלָל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם**, לֹא יוֹעִיל לוֹ שׁוּם הִתְקָרְבוּת לְצַדִּיקִים, וְהוּא בִּבְחִינַת מָזוֹן שֶׁאֵינוֹ נִתְהַפֵּךְ לַנִּזּוֹן. כְּגוֹן אִם אוֹכֵל אֲכִילָה **שֶׁאֵין הַטֶּבַע סוֹבֶלֶת אוֹתוֹ**, אֲזַי אֵינוֹ מִתְעַכֵּל וְאֵינוֹ מִתְהַפֵּךְ לַנִּזּוֹן, רַק הַגּוּף מְקִיא אוֹתוֹ. כֵּן הוּא בִּבְחִינָה זוֹ מַמָּשׁ, כִּי אֵינוֹ נֶאֱכָל **כְּלָל** לְהַצַּדִּיק, אַף שֶׁמְּקֹרָב אֶצְלוֹ. **כִּי הַצַּדִּיק אֵינוֹ יָכוֹל לְסָבְלוֹ, וּמְקִיא אוֹתוֹ**. וְהוּא בִּבְחִינַת הַכָּתוּב בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (וַיִּקְרָא י"ח): "כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת הַגּוֹי", דְּהַיְנוּ שֶׁאֵינָהּ יְכוֹלָה לְסָבְלוֹ לִהְיוֹת נֶאֱכָל אֶצְלָהּ שֶׁיִּתְהַפֵּךְ לְמַהוּתָהּ, רַק הִיא מְקִיאָה אוֹתוֹ. **ה' יַצִּילֵנוּ**.

[יב] וזל"ש בהמשך: **וְכֵן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָהּ, יֵשׁ לָהּ גַּם כֵּן הַכֹּחַ הַזֶּה**. וְעַל כֵּן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (כְּתֻבּוֹת קיא): 'כָּל הַיּוֹשֵׁב בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שָׁרוּי בְּלֹא עָוֹון' שֶׁנֶּאֱמַר: "הָעָם הַיּוֹשֵׁב בָּהּ נְשׂוּא עָוֹן", כִּי הִיא 'אֶרֶץ אוֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ', **שֶׁהַיּוֹשֵׁב שָׁם נֶאֱכָל אֶצְלָהּ, וְנִתְהַפֵּךְ לְמַהוּתָהּ הַקָּדוֹשׁ**.

# ליב האבן דעם צדיק

**עוֹד שֶׁמָּעְנוּ בְּעִנְיָן זֶה, אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב**

- אויב ער איז מקושר צום צדיק, קען ער פילן קדושת יום־טוב - אַה!

**כִּי הַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב כַּנַּ"ל**

- ער איז קדושת יום־טוב.

און וואס איז דער סימן אויב ער איז מקושר צום צדיק?

**וְהַסִּימָן עַל זֶה אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, הוּא אִם יֵשׁ לוֹ שִׁפְלוּת**

- דער סימן איז, אויב ער האט שפלות. אט דאס ווייסט שוין יעדער איינער ביי זיך. זאל ער טאקע בעטן דעם אויבערשטן דערויף. ער ווייסט דאך ביי זיך - זאל ער בעטן דעם אויבערשטן.

אז איך בעט דעם אויבערשטן אויף א זאך כאטש איך האב נאך נישט דער זאך, איז שוין א נחת רוח למעלה - 'ער בעט כאטש אויף דער זאך - איז א סימן אז ער וויל דער זאך, עס פעלט אים דער זאך - ער בעט דאך דערויף'.

**כִּי טֶבַע הַקַּטְנוּת שֶׁיִּתְבַּטֵּל לִפְנֵי גַּדְלוּת כַּנַּ"ל.**

זאגט דער רבי:

**וְעִקַּר הַהִתְקַשְּׁרוּת הוּא אַהֲבָה, שֶׁיֹּאהַב אֶת הַצַּדִּיק אַהֲבָה שְׁלֵמָה**

- ער זאל ליב האבן דעם צדיק 'אהבה שלימה'.

וואס הייסט 'זיין צוגעבינדן צום צדיק'? מיט וואס בינד איך זיך צו? מיט וואס ווער איך צוגעבינדן? דאס איז דען א גשמיות'דיגע זאך - זיך צובינדן מיט א שטריק? זאגט דער רבי, 'התקשרות' איז טייטש 'אהבה'.

אזוי ווי עס שטייט ביי יעקב אויף בנימין'ען (בראשית מד): "וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ", מאכט דער תרגום: 'חֲבִיבָא לֵהּ כְּנַפְשֵׁהּ', און עס שטייט אויך דארטן ביי יהונתן ביי

דוד'ן (שמואל-א יח): "וְנֶפֶשׁ יְהוֹנָתָן נִקְשְׁרָה בְּנֶפֶשׁ דָּוִד", מיינט מען אויך אהבה; בײדע האבן געהאט אזא אהבה איינער צום אנדערן.

וְאַהֲבָתוֹ אֶת הַצַּדִּיק יִהְיֶה יוֹתֵר מֵאַהֲבַת נָשִׁים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמואל-ב א): "נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים". אֲזַי עַל יְדֵי הַהִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק, יָכוֹל לְקַבֵּל קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב כַּנַּ"ל, כִּי עִקַּר יוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים.

## גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה

כִּי עִקַּר בְּחִינַת יוֹם טוֹב הוּא, לְהַעֲלוֹת בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מִבֵּין הַקְּלִפּוֹת, לְבַטֵּל מַלְכוּת אַרְבַּע מַלְכֻיּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא. כִּי מַלְכוּת נִקְרֵאת דָּ"לֶת, בְּגִין דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם, כִּי 'אֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עָם', וְנִמְצָא דְּלֵית לַהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם.

מיר דארפן מקבל זיין 'עול מלכותו'; איז דאך דער עיקר מלכות תלוי אין אונז - אז מיר זאלן מקבל זיין 'עול מלכותו יתברך', 'אין מלך בלא עם'. מלכות אליין איז בבחינת דל"ת, עס איז ארעם, 'דלית לה מגרמיה כלום'; מיר דארפן מאכן דעם מלך - מען קרוינט אים.

יעדער איינער וואס האט דעם עול מלכותו, ער איז מקבל עול מלכותו - מאכט ער אים פאר א מלך. מלכות מוז אנקומען צו יענעם, יענער זאל אים קרוינען, יענער זאל אים מאכן פאר א מלך. יעדער איינער דארף מאכן דעם אויבערשטן פאר א מלך - איך נעם אָן זיין מלכות, איך נעם אָן עול מלכותו יתברך, 'אין מלך בלא עם'.

וְהַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהִיא בְּחִינוֹת דָּלֶ"ת, נָפְלָה, וְנַעֲשָׂה מִמֶּנָּה אַרְבַּע מַלְכֻיּוֹת דִּקְלִפָּה.

- עס איז געווארן פון איר די ד' מלכיות דקליפה,

וּבְיוֹם טוֹב צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהַד' מַלְכֻיּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא.

- יום־טוב דארף מען מעלה זיין דער מלכות דקדושה - איר ארויס נעמען פון די ד' מלכיות דסטרא אחרא.

אט דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק (שם יא): "וַיְהִי לְעֵת תְּשׁוּבַת הַשָּׁנָה, לְעֵת צֵאת הַמְּלָכִים". יום־טוב ווערט אנגערופן 'תשובת השנה', יום־טוב איז די צייט פון תשובה אויך. ווייל די ימים טובים זענען 'ימי דין', אזוי ווי עס שטייט אין דער משנה אין ראש השנה: "בד' פרקים העולם נידון" - פיר צייטן אין יאר ווערט די וועלט גע'משפט, בפסח על התבואה וכו'; איז עס דאך 'ימי דין', מען איז דַן אויף די מענטשן - די תבואה איז דאך אונזער עסן; און שבועות איז מען דן אויף די פירות, און סוכות איז מען דן אויף 'מים'; איז דאך עס ימי דין. אז עס קומט א יום־טוב איז עס ימי דין, און וויבאלד עס איז 'ימי דין', דארף מען טוהן תשובה.

"ועל ידי זה" - אז מען טוט תשובה, גייט ארויס די מלכות פון די קליפות, און עס ווערט בטל זייער ממשלה, אזוי ווי חז"ל זאגן (יומא פו:): "גדולה תשובה" - תשובה איז זייער גרויס, "שמקרבת את הגאולה", ווארום דורך תשובה ווערט מען אויסגעלייזט פון דער מלכות דקליפה.

דער עיקר גלות איז דאך דאס וואס די מלכות איז ביי זיי; די ממשלה דארף דאך זיין נאר ביים אויבערשטן אליין - ביי די צדיקים וואס זיי פירן צו צום אויבערשטן; אבער אז די ממשלה שטייט איין ביי זיי, איז דאך עס אין גלות; איז "גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה", ווייל דורך תשובה ווערט מען אויסגעלייזט פון דער מלכות דקליפה.

> **וְזֶהוּ "לְעֵת תְּשׁוּבַת הַשָּׁנָה לְעֵת צֵאת הַמְּלָכִים", שֶׁאָז יוֹצֵא מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהִיא בְּחִינַת דָּלֶ"ת, מִבֵּין הַקְּלִפּוֹת, וְנִתְבַּטֵּל כֹּחַ הָאַרְבַּע מַלְכֻיּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא.**

"לעת תשובת השנה" - אז עס קומט די צייט פון תשובה, דאס מיינט מען די ימים טובים, דעמאלט איז "לעת צאת המלכים" – דעמאלט גייט ארויס די מלכות פון זיי; אז עס קומט די צייט פון תשובה, גייט ארויס די מלכות פון זיי און עס ווערט בטל די כח פון ד' מלכיות דסטרא אחרא.

# אים צעשניטן אויף פיר שטיקער

זאגט דער רבי:

וְעִקָּר, לְבַטֵּל כֹּחַ מַלְכוּת עֲמָלֵק, כִּי הִיא כּוֹלֶלֶת הָאַרְבַּע מַלְכֻיּוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר כד): "רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק". וְעַל כֵּן כְּשֶׁהָרַג שְׁמוּאֵל אֶת אֲגַג מֶלֶךְ עֲמָלֵק, נֶאֱמַר (שמואל-א ט"ו): "וַיְשַׁסֵּף שְׁמוּאֵל אֶת אֲגָג". וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'חֲתָכוֹ לְאַרְבַּע'.

- ער האט אים צעשניטן אויף פיר שטיקער. פארוואס האט ער אים צעשניטן אויף פיר?

שֶׁחָתַךְ הָאַרְבַּע מַלְכֻיּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, לְבַל יִהְיֶה לָהֶם כֹּחַ וּמֶמְשָׁלָה מֵהַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהִיא בְּחִינוֹת דָּלֶ"ת, כִּי הֶעֱלָה הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהֶם.

עמלק ער איז דאך כלול פון אלע ד' מלכיות דסטרא אחרא. אז ער האט אים צעשניטן, האט ער אפגעשניטן דעם דל"ת מלכיות דסטרא אחרא זיי זאלן נישט האבן קיין כח וממשלה פון דער מלכות דקליפה שהיא בחינת דל"ת.

דעמאלט איז געווען דער ערשטער מלך ביי אידן, שאול. דער אויבערשטער האט געוואלט מען זאל אינגאנצן אפשניידן דער מלכות דקליפה, אינגאנצן אויסרייסן עמלק'ן, אפילו א מחט, גארנישט, "מִשּׁוֹר וְעַד שֶׂה מִגָּמָל וְעַד חֲמוֹר"[יג], עס זאל נישט דערמאנט ווערן גארנישט פון אים. אז עס וואלט טאקע אינגאנצן געווארן בטל קליפת עמלק, וואלט די מלכות דקדושה געווען על מכונו. טאקע דאס וואס מען האט אים איבערגעלאזט איז געווען א גרויסער פגם.

"וְזֶה נַעֲשֶׂה בְּיוֹם טוֹב" - אט דאס ווערט אפגעטוהן אין יום־טוב.

וְזֶהוּ "וַיְשַׁסֵּף", וָי"ו יוּד הוּא פְּעֻלָּה, וְשֹׁרֶשׁ הַתֵּבָה הוּא שס"ף, וְהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת שָׁבוּעוֹת סֻכּוֹת פֶּסַח, שֶׁהֵם הַיָּמִים טוֹבִים, שֶׁאָז יוֹצֵא הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה.

---

[יג] שמואל-א טו, ג.

שס"ף דאס איז די ימים טובים, ש'בועות, ס'וכות, פ'סח.

כִּי הַיָּמִים טוֹבִים הֵם יְמֵי דִּין, שֶׁהִיא בְּחִינַת יִרְאָה, בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אבות פרק ג'): 'אִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ שֶׁל מַלְכוּת', וְעַל כֵּן נֶאֱמַר בַּעֲמָלֵק (דברים כה): "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וְכוּ' וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים", כִּי עִקַּר כֹּחוֹ הָיָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הֶעֱלוּ אֶת הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָיָה לָהֶם יִרְאַת אֱלֹקִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת כַּנַּ"ל.

וְעַל כֵּן בְּכָל יוֹם טוֹב יֵשׁ אַרְבַּע מִצְוֹות, בְּפֶסַח אַרְבַּע כּוֹסוֹת, בְּסֻכּוֹת אַרְבָּעָה מִינִים, בְּשָׁבוּעוֹת לִמּוּד הַתּוֹרָה שֶׁהוּא בְּאַרְבָּעָה בְּחִינוֹת, אָז רָאָהּ וַיְסַפְּרָ"הּ הֱכִינָ"הּ וְגַם חֲקָרָ"הּ (איוב כח; ועיין בראשית רבה פרשה כד; תשא פרשה מ'), כְּנֶגֶד הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת דָּלֶ"ת, שֶׁיּוֹצֵאת בְּיוֹם טוֹב מִבֵּין הַקְּלִפּוֹת כַּנַּ"ל. וְהַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים הֵם בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (גטין סב): מָאן מַלְכֵי רַבָּנָן, כִּי הֵם מַעֲלִים אֶת הַמַּלְכוּת, עַל כֵּן עִקַּר קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב נַעֲשֶׂה עַל יָדָם.

וּכְשֶׁמְּקַבְּלִים קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב, יֵשׁ לוֹ עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (משלי כב): "עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת ה'", כִּי יִרְאָה הוּא בְּחִינַת מַלְכוּת כַּנַּ"ל: וְאַבְרָהָם אָבִינוּ טָרַח גַּם כֵּן עַל זֶה, וְרָדַף אַרְבַּעַת הַמְּלָכִים, לְהַעֲלוֹת מֵהֶם הַמַּלְכוּת, וְיָצָא מִמֶּנּוּ יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל יַעֲקֹב וְעֵשָׂו, כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָּנִים אֶחָד חָכָם וְכוּ'. (מִן עוֹד שֶׁמַּעְנוּ עַד כָּאן, כָּל זֶה מְבֹאָר הֵיטֵב לְעֵיל בְּהַתּוֹרָה מֵישָׁרָא דְּסַכִּינָא בְּסִימָן ל עַיֵּן שָׁם).

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים

מו"ה **יונה פעדער** הי"ו
בארא פארק
לרגל נישואי בנו החה"ח חיים אלכסנדר נ"י

מו"ה **מנחם דוד לאנדא** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו הכלה למזל טוב

מו"ה **ברוך גודלבסקי** הי"ו
בארא פארק
לרגל נישואי בתו עם החה"ח משה יואל הערצאג נ"י למזל טוב

מו"ה **דוד שווארץ** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בנו למזל טוב

לזכות ממ"ו, ולזרע של קיימא

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה
בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים